יעקב פּאַט. 790 № 3.

ביי דער
שניי=מלכה.



פאַרלאַג
קולטור=ליגע
ביאליסטאָק.

1918.

Zum Druck freigegeben 14152 vom 17/3 1918.

Zur Verbreitung und zur Ausfuhr zugelassen.

דרוק מ. ב. מירסקי.

בײַ דער שנײַ־מלכּה.

שוין דרײַ טעג נאָכאנאנד האָט דער שנײ געשאָטן. אַלצדינג איז פאַרשנײט געוואָרן. אין די ווײַסטע פעלצלאַך זײַנען אײַנגעדעקט געוואָרן די הײַזלאך. אין קריסטאָל־ווײַסע לײַלעכער האט זיך די ערד געוויקלט. פינקלדיקע אוינעלאַך, ווי שטערנדלאַך, זײַנען אוסגעשפּרונגען טויזנטער־טויזנטער און געהאונקען, און געצאַפּלט און געציטערט...

דער בויסל, וואָס איז געשטאַנען לעם הײַזל, ווי א יונגער חעכטערל, האָט זיך איבערגאַכט און טאָג אײַנגאַנצן אײַנגעװיקלט אין א פּוכיגן מאַנטעלע מיט א ווײַסע, קלאָרע טיכעלע איבערן קאָפּ, ווי א מײדעלע.

און אַז דער קלײנער אינגעלע, שלמהלע, האָט דורכן שײַבעלע אַרויסגעקוקט, האָט ער פון אָנהויב זײער אײגענעם בוימעלע ניט דערקענט—אַזאַ איז ער געװען.

און שלמהלע האָט גאָר געמײנט, אַז דער בויטעלע האָט זיך צובליהט מיט ווײַסע בלימעלאַך און ס'וועלן אויף אים

באלד ווידער ארויסוואַקסן די קארשעלאך. האָט ער זיך דערפרייט, פאנאנדערגעפּאטשט זיך מיט די הענטלאַך און הילכיג זיך צולאַכט.

נאָר אז ער האָט זיך ארומגעקוקט אין שטוב, איז אים אַ סך אומעטיגער געוואָרן, ווײַל, ווי אַלעמאָל, איז ער געווען אַלײן—די מאַמע איז געווען אַוועק אין שטאָט ארײַן און דער טאַטע איז געווען בײַם טײַכל, ווײַל זײַן טאַטע איז א פישער געווען. אַלײן איז ער בײַם פענסטערל געזעסן — — —

— — — — — — — — — — — —

— — און דער טײַכל האָט געפלאָסן האַרט־נאָענט בײַם הײַזל. קײַן גרויסע פרעסט זײַנען נאָך ניט געווען און דערי־בער איז דער וואַסער נאָך ניט פאַרפרוירן געוואָרן און גע־פליושקעט זיך אין די ברעגן.

איז שלמהלע ארויס צום טײַכל. ער האָט ליב געהאַט, שלמהלע, צו זיצן בײַם וואסערל און הערן, ווי ס׳פליסטערן די כוואַליעלאַך און ווינקען מיט זײערע שוימיגע אויגעלאַך.

נאָר זײַן טאַטן האָט ער בײַם וואַסער ניט געפונען. בײַם טײַכל איז קײנער ניט געווען. בײַם ברעג נאָר איז זײַן טאַטנס פישער־שיפל געשטאַנען.

שנײעלאַך זײַנען געפלויגן אײנע נאָך די אנדערע. דער וואסער, דער שטיפער, האָט זי געשלונגען און אַרײַנגעכאפּט אין זיך, ארײַנגעוואָרפן אין דער טיף, אָדער ער האָט זי אַ

כאַפּ געטאָן, פּאַרטראָגן ביז אונטערן בריק און זיי דארט מיט וואַסער באַנאָסן און דערטרונקען.

בלישטשענדיגע שניי־אוינעלאַך זיינען געפאלן אייגנע נאָך די אַנדערע. זיי האָבן געגלאַנצט, געפינקלט און זיך געטרונקען. געוואונקען, געיאָגט זיך, געשפּילט זיך און ביים וואסער אויפן קארק ארויפגעפאַלן.

פּלוצלונג האָט שלמהלע דערזעהן, אז א חייסער, שי־מערירענדיגער שטערנדל מיט שטראַלעכלאך איז פון אויבען אויפן קאלטן וואַסער געפאַלן, די וועלעכלאַך האָבן אים א כאַפּ געטאָן און שוין אים אויך געטראָגן צו דערטרינקען דאָרט אין דער פינסטער אונטערן בריק...

האָט שלמהלע געחאָלט ראַטעווען דעם ווייסן שטראַלינגן שנייעלע־שטערנדל, האָט ער שנעל אָפּגעבונדן זיין טאַטנס לאָדקע, וואָס איז ביים ברעג געשטאַנען, האָט זיך ניך אין איר אריינגעזעצט, האָט מיט אַלע כחות אָנגעהויבן צו רודערן און דעם שיפל צוטרייבן.

און די וועלן טראָגן דעם שטערנדל און שלמהלע זעהט אים פון דערחייטן, און שלמהלע טרייבט זיין שיפעלע דעם שטערנדל צו דעריאָגן.

ניך־לויפט דער וואסער און ניך טראָגט זיך איבער אים שלמהלעס שיפעלע. באַלד־באַלד דעריאָגט ער שוין דעם ווייסן שניי־שטערנדעל ער וועט נאָר געבן זיין שיפל איין שנעלן

שטופּ נאָר עס צולאַכן זיך די וועלעכלאַך, לויפן אַוועק ווײַט-ווײַט, פאַרטראָגן ארויפצו-ארויף דעם ווײַסן שטערנדל...

און שלמהלע האָט נאָרניט באמערקט ווי ווײַט ער איז שוין פאַרשוואומען מיט זײַן שיפעלע, ער האָט נאָר דערפילט, אַז עס הויבט אים אָן קאַלט צו ווערן אין די הענטעלאַך.

דאמאָלסט האָט ער זיך אַרומגעקוקט הינטער זיך. וואו איז זייער הײַזל? וואו איז זײַן טאטע?—ווײַט, ווײַט, מען זעהט גאָרניט און מען הערט גאָרניט.

און וואו איז דער שניי-שטערנדל?—דאָרט, א ביסעלע ווײַטער פאָראויס שפילן זיך מיט אים די האַלב-פאַרפרוירענע וועלעכלאך און זיי ווילן אים אודאי באלד דערטרינקען אין קאַלטן, טיפן טײַכעלע... קלאַפּט שלמהלע מיט זײַן רודער אָן דעם טײַכעלע און בעט זיך:

— וואַסערל, וואַסערל, דערטרינק ניט דעם ווײַסן שטערנדל..

קומט דאָס וואַסערל צולויפן צו שלמהלעס שיפל, קלאַפּט-אָן אין די פּײַכטע, קאַלטע וועגטלאַך, צושפּריצט זיך אין טויזנט טראָפּעלאַך, צולויפט זיך און ענטפערט גאָרניט.

און דער ווינטערדיגער טאָג איז א קורצער. באַלד זעצט זיך די זון אַראָפּ און ס'ווערט טונקעלער. א פראָסטיגער ווינטל קומט פון דערווײַטן צולויפן, צויאָגט זיך איבערן טײַכעלע און זאָגט אָן, אַז הינטער אים לויפן נאָך גרעסערע ווינטן—זיי וועלן באַלד פון טיפן, טונקעלן וואלד ארויסקומען.

און פון קאַלטן ווינטעלע הויבט אָן דער וואַסער צו גליווערן, צו פרוירן פון אויבן, עס פארציהט זיך פון דער הויך אַ שטײַפע, קאַלטע אײַז־הײַטעלע.

און שלמהלען ווערט שוין גאָר קאַלט. האָט ער אין שיפעלע געפונען פיר זאַכן: זײַן טאַטנס פעלצל, אַ לעבל ברויט, שוועבעלאַך און אַ העקעלע.

עס איז שוין געוואָרן פינסטערלאַך. ווי אַזוי זיך צום שיפלען צוריק, האָט ער ניט געוואוסט און ניט געזעהן. האָט ער זײַן טאַטנס פעלצל אָנגעטאָן און דעם שיפל צום ברעג צוגעפירט. ער האָט די העקעלע גענומען, פון שיפעלע אויפן ברעג אַרויס, פון אַ בויסעלע טרוקענע צווײַגעלאַך אַראָפּ־געהאַקט, זיי צום ברעג געבראַכט און מיט די שוועבעלאַך האָט ער אַ פײַער געמאַכט.

האָבן די צווײַגעלאַך זיך געברענט און געקנאַקט, און דער פײַער איז גאָר אַ גרויסער געוואָרן, איז שלמהלען וואַרים געוואָרן, האָט ער פון לעבעלע ברויט געבראָכן און געגעסן.

און אַז שלמהלע איז זאַט געוואָרן, האָט ער צווײַגעלאַך צום פײַער צוגעלייגט, עס זאָל לייַנגער און וואַרימער ברענען און אַלײַן איז ער אין שיפל אַרײַן, און אין ווינקעלע זיך אײַנגעטוליעט, צוגעמאַכט די אויגעלאַך און אנשלאָפן געוואָרן.

און א גאַנצע נאַכט האָט דער שנײַ געשאָטן, אינגאַנצן שלמהלען פאַרשאָטן און אים אײַנגעדעקט, ווי מיט אַ ווײַסינ־

קע פערינקע, און אַז שלמהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פאר־טאָג, ראמאָלסט, ווען אויפן הימעל בלינצלען נאָך די שטערנד־לאַך, האָט ער פון זיך דעם שנײַ אראָפּגעשאָטן און ער האָט דערזעהן, אז דער טײַך איז שוין איינגאנצן פארפרוירן און אינגאנצן פול אײַז, און אין טײַכל איז אויך דאָס שיפל אײַנגעפרוירן, אײַנגעשמידט און קען זיך שוין ניט רירן.

איז ער ארויסגעשפרונגען פון שיפעלע אויפן אײַז ארויס. מען קען איבערן אײַז ארומלויפן, ארומשפּרינגען, גליטשן און זיך אויסגליטשן. עס האָט געגרויט דער פרימאָרגן און שלמהלע האָט געקענט צולויפן נאָנט ביז אונטערן בריק און דערזעהן, אז דאָס וואַסערל האָט ניט געקענט אײַנשלינגען דעם שנײַ־שטערנדל מיט די ווײַסע שטראלעכלאך—אויבן אויפן אײַז איז ער זיך רוהיג געלעגן.

און ארום איז אזוי ווײַס געווען—שלמהלע האָט נאך גאָר קײַנמאָל אזוינס ניט געזעהן. ער איז אראָפּגעלאָפן אויפן ברעג און איבערן ווײַסן שנײַ געשפּרונגען, ווײך און שטיל איז אונטער זײַנע פיס געווען, ווי מען שפּרײַזט אויף ווײַסינקע קילע קישעלאך. איז אים געפעלן געוואָרן אויסצוקײַקלען זיך אין שנײַ. ער האָט זײַן פנימל צום שנײַ צוגעלײַגט, איז אים געווען, ווי ער וואָלט זײַן שטערנדל צולײַגן צום קילן בעקעלע פון א שוועסטערל...

און פון דערווײַטנס איז דאָס וועלדעלע געשטאנען. דער גאנצער וואלד איז מיט א פינקלדיגע גירליאנדע געווען

ארומגענומען ארום און ארום—בלישטשענדיגע ווייסקייט, אין וועלכער מארגן=שטראלן האבן זיך געבאדן. שלמהלע האט מיט זיינע אייגענע אויגעלאך געזעהן, אז, האלטענדיג פאר די הענטלאך, איז א לאנגע שורה פון שניי=קינדערלאך, איינגעלאך און מיידעלאך, אריוסגעלאפן פון וועלדל און צוזאגט זיך איבערן ברייטן ווייסן פעלד...

— כאפן!... כאפן!... האט שלמהלע זיך צושריען און א יאג געטאן זיך איבערן שניי.

— קום!... קום!... קום, אינגעלע...—האבן די שניי=אינג=ווייסע קינדערלאך געוואונקען צו שלמהלען און גערופן מיט זייערע ווייסע פינגערלאך.

און אז שלמהלע איז נאנטער צוגעלאפן, האט ער גע=זעהן, אז די שניי=אינגעלאך גייען אין ווייסע הויזעלאך, ווייסע זעקעלאך, ווייסע מעשטעלאך און אויף די קעפלאך—הויכע, בלישטשענדיגע מיצעלאך מיט גלעקעלאך...

און די שניי=מיידעלאך?—אין געקארבטע קליידעלאך פון ווייסן, פוכינן זיידנס מיט אסך=אסך דינגע, שמאלע בלויע סטענגעלאך, אין ווייסע זעקעלאך און ווייסע מעשטעלאך, און אויף די קעפעלאך ווייסע שאל=געוועבן אויסגעזעצטע מיט בלישטשענדיגע שניי=בריליאנטעלאך.

קום!... קום!... אינגעלע!...—האבן זיי גערופן. איז שלמהלע נאך זיי געלאפן. זיינען זיי דורך איין פעלד דורכ=

געלאָפן און צו א בארג געקומען, פון בארג זײַנען זײ אראָפּ־
געלאָפן און צו א וואלד געקומען, פון וואלד זײַנען זײ צו א
ברײַטע שניי־לאָנקע ארויס, פון דער שניי־לאָנקע זײַנען זײ
ארויפגעלאָפן אויף הויכע שניי־בערג, פון די שניי־בערג זײַנען
זײ אויף אײַז־בערג אראָפּ,—זײַנען זײ איבערן אײַז געלאָפן,
איבער דעם שפּיגלדיגן אײַז, ביז זײ זײַנען צו א בארג געקומען,
וואָס אויף זײַן רוקן איז געשטאנען א ווײַסער וואלד—ווײַסע
ביימען, ווײַסע צווײַגן, ווײַסע קוסטעס... און אין טיפן וואלד איז
א פּרעכטיגער שלאס געווען—א בלויער פּאלאץ פון בלויען אײַז.

די שניי־מײדעלאַך און שניי אינגעלאך זײַנען אין פּאלאץ
ארײַנגעלאָפן און שלמהלע איז דאָרט בײַם פּאלאץ אלײן גע־
בליבן שטײן.

— אָט איז דער אינגעלע!.. ער האָט זיך איבערן טײַכל
געלאָזן צו ראטעווען אונזער שניי־שטערנדל!.. אָט איז ער!..

און פון די טרעפּ זײַנען אראָפּגעלאָפן שניי־מײדלאַך.
זײ האָבן שלמהלען פאַרן האַנט גענומען, אַ כאפּ געטאָן און
דורך א הויכע, א גרויסע און א ברײַטע טיר האָבן זײ אים
אַרײַנגעפירט אין פּאַלאַץ אַרײַן.

אין ערשטן זאַל איז די פּאָדלאָגע געווען א ווײַסע, א
שניי־ווײַסע, די ווענט—חײַסע; בײַ די ווענט זײַנען גרויסע,
ריזיגע בלומען־טעפּ מיט בלומען געשטאנען און צווישן די

בלומען זײַנען געשטאַנען ווײַסע קאָנאַפּקעלאך, ווײַבינקע, פּוכיקע, זיך אָפּצורוהען.

און צחייטן זאַל זײַנען די ווענט געווען בלישטשענדיגע, די פּאָדלאָגע—אַ גלאַטע און גלאַנציגע, ווי אײַז. פון דער סטעליע זײַנען לאָמפּן, מנורות אַראָפּגעהאַנגען מיט קלינגענ־דיגע פּרענז. קלײנע ווײַסע טישעלאַך זײַנען געשטאַנען באַ־דעקט מיט ווײַסע טישטוכלאַך. איבער די פענסטער זײַנען בלויע פאַרהאַנגען געהאַנגען, אויסגעהעפטע מיט בלערלײַ קווייטעלאַך און בײַ די טישעלאַך זײַנען פול שנײַ־קינדערלאַך געווען...

און מען איז אַרײַן אין דריטן זאַל און מען האָט זיך נאָר אָנגערירט אָן די טיר־פאָרהאַנגען, האָט אָנגעהויבן צו קלינגען און גלעקלען—עס האָבן געקלונגען די פּרענזלאַך, ווי אײַז־ליכטלאך. דער גאַנצער זאַל האָט געשימערט און גע־פינקלט פון בריליאַנטלאך און שטערן־אויגעלאך.—

און אַז מען האָט דורך די גרויסע טירען אויף דרויסן אַרויסגעקוקט, האָט מען געזען אַ טײַכעלע, וואָס ווערט פאַרפרוירן, אַ שיפעלע וויגט זיך אין אים, און ס'שפּילן זיך מיטן וואַסער די שטראַלן פון דער ווינטערדיגער זון — —

און אין פירטען זאַל זײַנען געשטאַנען אין קרײַזן הונדערטער־הונדערטער שנײַ־קינדערלאך, פאַר די הענט זיך

געהאלטן, קריַיזן געפּלאָכטן אין קריַיזן, קאַראַהאָרן אין קאַ־ראַהאָרן, געשלאָסן און געפּלאָכטן איינע אין די אנדערע און צווישן זיי אין מיטן איז געשטאַנען די שניי־מלכּה.—

א הויכע, א שטאָלצע איז זי געוועזן די שניי־מלכּה. אויפן קאָפּ איז ביי איר געזעסן א היטעלע פון שטערנדלאַך— א קרוינעלע, אין ווייסן, פונקיגן זאַמדנס איז זי געווען געהילט און אויבן האָט זי געהאַט—בלוי־בלויע און שיַינענדיגע, און מיט די פּיס איז זי געגאַנגען אזוי שטיל, נאָך שטילער פאַרן שניי, בשעת ער פאַלט, און די קנעפּעלאַך אויף איר קלייד זיינען געווען פון שניי־ברילִיאַנטעלאַך און די מעשטן פון דינעם זילבער...

איז ער געשטאַנען און מיט זיינע אויגעלאַך זיך אַרומגעקוקט, וואו ער איז—אָי, איז דאָרטן שיין געווען!...

לאַנג און הויך איז געווען דער בלויער פּאַלאַץ. הויכע, קיילעכדיגע זיילן זיינען ביים אריינגאַנג געשטאַנען און אין מיטן זיינען געווען ברייטע, לאַנגע, ווייסע טרעפּ אַריַינצוקומען אינעווייניג; אַרום, פון אַלע זייטן, זיינען געווען ווייסע באַלקאָנען באַפּוצטע מיט אייז־גלעקלאַך, ליכטעלאַך און שניי־און־פראָסט־בלומען...

אַרום דעם פּאַלאַץ זיינען הויכע, שלאַנקע דעמבעס געשטאַנען, איינגאַנצן באַגלאָזטע מיט ווייסע קרוינען אויף די

קעפּ; צונויפגעפלאָכטן אייגע מיט די אנדערע און פארוויקלטע, פארוועבטע מיט שניי=שנירלאך און ווייסע פעדים...

און שלמהלע האָט שוין געקענט לייענען, האָט ער דערזעהן, אז פון ווייסע, שימערירנדע שטערנדלאך זיינען אויסגעזעצט אותיות איבערן פאלאץ, האט ער דאָס איבערגעלייענט און ס'האָט אזוי געהייסן:

„דער פּאַלאַץ פון דער שניי=מלכה"

איז ער געשטאנען און געגאפט. פלוצלונג האָבן זיך אויף אלע באלקאָנען ארויסגעשאָטן שניי=אינגעלאך און שניי=מיידעלאך און מיט זייערע קולכלאך געקלונגען רוישיג און פרייליג:

האָט זי גענומען שלמהלען פאַרן האַנט איז איבערן קעפּ=לע געלעגט און צו אים גערעדט:

— דו ביזט אַ גוטער אינגעלע... דו האָסט רחמנות געהאט אויף מיינעם א שניי=שטערנדל, וואָס דער טייכעל האָט געוואָלט אים דערטרינקען.

און זי אליין האט אים געפירט איבער אלע צימערן, זאַלען און צימערלאך, איז געפירט איבער אירע הויז=שפייכלערס און שניי=אוצרות, פון וואנען זי קייקעלט דעם שניי ארויס איבער די בערג אראָפּ=אראָפּ...

און שפּעטער האָט שלמהלע, צוזאמען מיט אלע שניי=קינ=

דערלאך, מילך געטרונקען פון א דורכזיכטיגן גלאנציגן טעפּעלע.
אונ די שניי-קינדערלאך האָבן נאָכדעם שטילע-שטילע לירע-לאך געזונגען, אזוי שטיל, ווי שטיל עס ליגט דער שניי איבער די הויכע בערג.

דערנאָך האָבן זיי אנדערש געזונגען. אזוי געזונגען, ווי עס גלעקלען די זילבערנע גלעקעלאך פון ווייסע שליטעלאך.

זיינען זיי טאנצן ארויס, מיט אויסגעשפּרייטע הענטעלאך, ווי מיט ווייסע פליגעלאך. האבן זיי אזוי געטאנצט, ווי זיי וואלטן שוועבן שפּיל-שטיל, ווי ווייסע טייבעלאך פליהען, ווי ליי-כטע שנייעלאך טראגען זיך...

אונ צווישן זיי האָט די שניי-מלכה געשוועבט. צווישן די טויזנט-טויזנט קינדערלאך האט זי אין מיטן געשוועבט אונ ס'האָט געשימערט איר קרוין, ס'האָבן געבלאנקט אירע שטראליגע קנעפּעלאך, ס'האבן געגלאנצט אירע זילבערנע מע-שטן.

דערנאָכדעם האָט די שניי-מלכה געהייסן, האבן די שניי-קינדערלאך געשפּאנט אונ א ווייסן שניי-שליטן ווייסע פער-דעלאך, ווי די הירשן מיט א סך גלעקלאך אויפן האלז.

א שניי-איינגעלע האט די לייטשעס אין האנט גענומען, א שניי-מיידעלע האט דעם בייטש אין האנט גענומען; איינע-וויינינג איז שלטהלע געזעסן, אונ די שניי-מלכה האָט געהייסן:

— פירט אים אָב צו זײַן מאמען!...

גאלאָפּ, ווי א וויכער, האָבן זיך צולאָזן די פּערדלאך, פּייל פון בויגן, נעגליטשט זיך איבער בערגלאך און טאלן, איבער שניי־פּעלדער און וועלדער. גיך־גיך, שנעל, די גלעקלאך האבן געקלונגען און די פּערדלאך האבן דעם שליטן געטראָגן גאלאָפּ־גאלאָפּ...


ביז דער שליטעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט ריכטיג נעבן שלמהלעס הײַזעלע.

— אז ס'וועט קומען פרילינג וועלען די וועלעכלאך פון טײַך דעם שפּיעל אויך אהערצו ברייִנגען.—האָט די שניי־מיי־דעלע געזאָגט צו שלמהלען און אים א קוש געטאָן...

שלמהלע איז ארויס פון שליטעלע און שטיל בײַ זיי אין שטוב ארײַן. צוריק זיך אוועקגעזעצט בײַם פענסטערל דער שליטען מיט די שניי־קינדערלאך האט זיך אויסגעקירעוועט און אוועקגעלאָזן צוריק־צוריק צו דער שניי־מלכה. שלמהלע האָט ווידער ארויסגעקוקט דורכן פענסטערל און געזעהן דעם שניי, וואָס האָט געשאָטן, זייער בוימעלע, וואָס איז נאָך מער פאַרשאָטן געוועז, און דעם טײַכעלע, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן, און פון דערווײַטענס האָט ער געהערט דאָס קלינגען פון שליטעלע, וואָס האָט זיך שוין אָנגעטראָגן פון ווײַט־ווײַט,

פֿון ווײַטע שנײ־פֿעלדער, פֿון ווײַטן־ווײַטן וואלד, וואָס האָט
ווײַס פֿארבליהט... — — — — — — — — — — — — —

— — דאמאָלסט איז שוין שלמה'לע וואך געווען און
זײַן מאמע איז אין שטוב אָנגעקומען.



פאַרלאַג קולטור-ליגע.

ארויס פון דרוק:

1) **כללים וועגן נייעם אויסלייג** צוזאמענגעשטעלט פון דער אָרטאָ-גראַפישע קאָמיסיע ביי דער ביאליסטאקער געזעלשאפט פון אידישע פאָלקס לערער.

2) **קרילאוו'ס משלים** איבערגעזעצט פון פסח קאפלאַן I בוך.

3) **ביי דער שניי-מלכה** קינדער-מעשה'לע—פון יעקב פאַט.

אין גיכן ערשיינען:

1) **לידער-בוך**, זאמלונג פון 120 נייע לידער, מיט נאָטן און שפילן פאַר שולן און קינדערהיימען. רעדאַגירט פון דער לידער קאָמיסיע ביי דער ביאַליסטאָקער געזעלשאפט פון אידישע פאָלקס-לערער.

2) **א יאָר קינדער-גארטן**, זאמלונג פון מאטעריאלן, אָנווייזונגען, קאָנספעקטן, מוסטער-שעה'ן און באַריכט'ן אויף א יאָר באַשעפטיגונג אין קינדער-גאָרטן צוזאמענגעשטעלט פון יעקב פאַט.

3) **א סעריע קינדער מעשה'לאך** פון יעקב פאַט.

4) **דיקטאנט** פון פסח קאפלאַן.

5) **2-3-4-5** באַנד **קרילאוו'ס משלים** פון פסח קאפלאן.

6) **געאמעטריע**—פון מאַשעווזקי און אינזשענער מ. זאבלודאָווסקי.

מיט באשטעלונגען זיך צו ווענדן: **י. ליפשיץ, מארק-פלאץ.**